LES CAHIERS YIDDISH

# ייִדישע העפטן

Le mensuel culturel de langue yiddish publié à Paris




אנדרע-אברהם
שוואַרץ-באַרט
2006-1928

מחבר פון
„דער לעצטער
פון די צדיקים“
איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש
פון עזריאל שראַגער.

numéro dédié au "Dernier des Justes" d'André SCHWARZ-BART (Metz 1928-Pointe-à-Pitre, Guadeloupe 2006), Prix Gon

n° 138/139 JUILLET/AOÛT 2009 יולי/אויגוסט prix : 5 eu

... Cahiers Bernard Lazare n°304/305. Mensuel de langue yiddish publié à Paris avec le concours de la FONDATION MÉMOIRE DE LA S

ייִדיש אין אַרגענטינע

# אינטערוויו מיט פּערלאַ סְנֵה

פון מאַקס כּאָהן /פּאַריז



צייכענונג פון דני קרמן / ישראל

**מ. כּאָהן : ווער זענט איר ? דערציילט אונדז וועגן אײַער געשיכטע.**

ווי איינער בײַ אונדז פלעגט זאָגן : די מעשה פון געשיכטע איז אַזאַ מין היסטאָריע... איך בין אַ פּסיכאָאַנאַליסט ; איך שרײַב לידער ; איך האָב ליב ייִדיש... כ׳בין געבוירן געוואָרן דאָ, אין בוענאָס–אײַרעס. מײַנע עלטערן שטאַמען פון פּוילן. מײַן מאַמע, ביילע מנוחה ביאַלי, איז געבוירן געוואָרן אין וולאָדאַווע, נאָר זי איז געקומען קיין אַרגענטינע ווען זי איז אַלט געווען צוויי מאָנאַטן ; דאָס הייסט, אַז זי איז קיינמאָל ניט געווען קיין ״גרינע״ ; אָבער זי איזהאָט זיך דערצויגן אויף ייִדיש. זי איז אַהער געקומען מיט אירע עלטערן, מרדכי און שרה ביאַלי ע״ה, און מיט איר עלטערן ברודער, בּרוך ז״ל. דאָ, אין בוענאָס–אײַרעס, איז געבוירן געוואָרן איר ייִנגערער ברודער, ירחמיאל. אין אירע ייִנגערע יאָרן איז זי געווען אַ לערערקע אין אַ ייִדישער שולע אָבער, איבערהויפּט, איז זי געווען – און געבליבן – אַ ייִדישע רעציטאַטאָרין. זי איז געווען אַן אַקטריסע אין ייִדישן טעאַטער, אונטער דער רעזשיע פון דוד ליכט. זי איז אַריבער איר אַרײַנגאַנג–עקזאַמען אין דעם קאָנסערוואַטאָריע א״נ. סערוואַנטעס מיט נ. רייזנס אַ ליד : ״אַ בריוו פון אַמעריקע״. אין זשורי זענען געווען, צווישן אַנדערע, אַלפאָנסינאַ סטאָרני און אַרטוראָ קאַפּדעווילאַ, צוויי גרויסע אַרגענטינער דיכטער, וואָס האָבן קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען, נאָר זיי זענען געווען פאַרכּישופט געוואָרן מיטן ליד. איך געדענק, ווי זי פלעגט מיר רעציטירן בײַ נאַכט, אָנשטאָט זינגען וויג–לידער.

מײַן טאַטע, שמחה סנה (פריִער : ראָזענבלאַט) ז״ל, פלעגט מיר יאָ זינגען : ייִדישע לידער, פּוילישע טאַנגאָס, רוסישע מאַרשן, ענגלישע באַלאַדעס. ער איז געווען אַ דיכטער, אַ זשורנאַליסט, אַ לערער, אַן איבערזעצער. ער איז געווען פון פולאַווי (אין פולאַווער יזכּור–בוך קען מען לייענען זײַנע ״פּילעווער סאָנעטן״). ער האָט געוואַנדערט אַ וועלט משך דעם חורבן, אַליין און אויך אין פאַרשדענע אַרמייען : די רויטע אַרמיי – אין דניעפּרס פראָנט, די פּוילישע אַרמיי אין דער גלות – געפירט פון גענעראַל אַנדערס, די ייִדישע בריגאַדע אין ענגלישער אַרמיי (מיט זיי האָט ערגעקעמפט אין איטאַליענישן פראָנט און אָנטייל

גענומען אין די "בריחה[1]" ; און סוף–כּל–סוף איז ער אָנגעקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1947.

ווי אַזוי דאָס איז געשען איז אחוצדעם אַ מעשה, וואָס האָט צו טאָן מיט אַ פלעשל וויסקי, אַ מאַטראַז, אַ גוטן חבר וואָס איז שוין געווען דאָ אין בוענאָס–אײַרעס און אַ בריוו... וועלכער איז בנס דערגאַנגען צו אָט דעם גוטן חבר... "בנס", ווײַל אָט דער בריוו האָט קיין אַדרעס ניט געהאַט! העיקר: דעם גוטן חבר, יאָזשיק לענגער ז"ל, האָט געשריבן מײַן טאַטע – וואָס איז געלעגן קראַנק אין אַן ענגלישער שפּיטאָל און געוואָלט זיך דעמאָביליזירן אין "פּאַלעסטינע", ער זאָל קומען קיין בוענאָס–אײַרעס זיך אָפּרוען אַ ביסל, און נאָכדעם, ווען ער וועט שוין זײַן אינגאַנצן געזונט, פאָרן קיין ישׂראל. איז ער געקומען, געטראָפן מײַן מאַמע, און פון יענעם טאָג געפירט אַ ליבע וואָס דויערט ביז הײַנט, כאָטש ער איז אַוועק אין דער אמתער וועלט אין יאָר 1999. דער מלאך–המוות האָט אים פאַרפאָלגט זײַן גאַנצן לעבן: ער איז געווען דער איינציקער פון זײַן גאַנצער משפּחה וואָס האָט איבערגעלעבט דעם חורבן; און דאָ, אין בוענאָס–אײַרעס, האָט ער איבערגעלעבט די צוויי גרויסע אַטענטאַטן קעגן ייִדן: די באָמבע אין דער ישׂראלדיקער אַמבאַסאַדע (ער איז דאָרט געווען, נאָר ער איז אַוועק פופצן מינוטן פריִער), און דער באָמבע אין דער ייִדישער קהילה, ווּ ער האָט געאַרבעט.

מײַן עלטערער ברודער, מענדל טאַובע, וווינט אין ישׂראל, אין באר–שבע, מיט זײַן משפּחה, און מײַן ייִנגערע שוועסטער, טײַבעלע רחל, איז אַ מוזיקערין (זי שפּילט סאַקסאָפאָן) דאָ אין בוענאָס–אײַרעס. מײַנע צוויי קינדער, רפאל (24 יאָר אַלט) און סערכיאָ (19 יאָר אַלט) זענען איצט אין אוניווערסיטעט און זיי זענען אַ ליכט אין מײַן לעבן.

וועגן מײַנע לימודים: כ'האָב, ווי אַ סך ייִדישע קינדער אין מײַן דור, שטודירט אין צוויי שולעס: אינדערפרי בין איך געגאַנגען אין שפּאַנישער שולע, און נאָכמיטאָג בין איך געווען אַ שילערין אין אַ ייִדישער שולע. דאָס איז ניט געווען קיין "זונטיק–שולע", נאָר אַ טאָגטעגלעכער ייִדישער שולע ("צענטראַלע שלום–עליכם שול"), ווּ מיר האָבן זיך געלערנט ייִדיש, העברעיִש, ייִדישע געשיכטע, ייִדישע ליטעראַטור, תּנ"ך, א. א. וו. כ'בין געגאַנגען אין שולע זינט איך בין געווען פיר יאָר אַלט, אין קינדער–גאָרטן, נאָכדעם אין עלעמענטאַרן שולע, און נאָכדעם אין מיטלשולע ("סעמינאַר שלום–עליכם"). עס איז אויך געווען אַ לערער–מדרשה, אָבער איך האָב שוין דאָרטן ניט געלערנט, ווײַל איך בין עולה געווען קיין ישׂראל, מיט אַ גרעִין[2] פון "דרור") און געלעבט אין ירושלים, ווּ איך האָב זיך געלערנט אין „בצלאל[3]". נאָכדעם, שוין צוריק אין בוענאָס–אײַרעס, האָב איך שטודירט אין אַרגענטינער אוניווערסיטעט, אין דער פאַקולטעט פאַר פּסיכאָלאָגיע, און ביסלעכווײַז געוואָרן אַ פּסיכאָאַנאַליסט. שרײַבן, אָבער, האָב איך שטענדיק געשריבן. דאָס געשריבענע וואָרט האָט פאַר מיר אַ ספּעציעלע ווירקונג.

**מ. כּ.: וואָס טוט איר וועגן ייִדיש און פּסיכאָאַנאַליזע אין בוענאָס–אײַרעס?**

פּ. ס.: פאַרשידענע זאַכן, וואָס אפשר זענען טאַקע די זעלביקע און איינציקע: אַרײַננעמען אין הײַנטיקן טאָג די קולות פון זכרון. איך אַרבעט, ווי אַ פּסיכאָאַנאַליסט, מיט מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן, אויך מיט זייערע קינדער און אייניקלעך. און איך אינטערעסיר זיך מיטן סאַמע לשון פון חורבן, סײַ מיטן לשון וואָס איז געווען נייטיק צו פירן די שחיטה, סײַ מיטן לשון, וואָס איז דאָרט אויסגעהרגעט געוואָרן. ווי אַ פאָרשערין אין אוניווערסיטעט פיר איך איצטער אַ פאָרשונג וועגן ייִדיש לשון און ווי אַ ווידערשטאַנד צום נאַצישן הענקער. אין יאָר 1995 האָב איך, אינאיינעם מיט אַ פרײַנט און קאָלעגע, ד"ר כּואַן–קאַרלאָס קאָסאַקאָ, אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן די

1 די "בריחה" איז געווען דער געהיימער אַנטלויף, אין די יאָרן נאָך דער וועלט–מלחמה, פון שארית–הפליטה ייִדן פון DP–לאַגערס אָדער אַנדערע ערטער פון אייראָפּע קיין ארץ–ישׂראל, אָרגאַניזירט דורך דער מיליטערישער אָפּטיילונג פון דער פירונג פון ייִדישן ייִשוב אין א"י.

2 גרעִין (העברעיִש): קערן. בײַ ציוניסטישע יוגנט–באַוועגונגען רופט מען אַזוי גרופּעס יוגנטלעכע, וואָס טאָן עליה צוזאַמען.

3 די נאַציאָנאַלע קונסט–אַקאַדעמיע אין ישׂראל.

לינוויסטישע מיטלען, וואָס האָבן געהאָלפן דעם מערדערישן פּלאַן.

מײַן פאָרשונג איז אויך געווידמעט צו ליטעראַטור – ייִדישע און שפּאַנישע, פּאָעזיע און די פֿאַרשידענע וועגן דורך וועלכע אַ שפּראַך גיט איבער די געשיכטע פון אַ פאָלק דורך דורות און דורות. נאָר איך מיין דאָס ניט פון אַ סאָציאָלאָגישן שטאַנדפונקט. מײַן צוגאַנג איז אַ סוביעקטיווער, מיטן באַדײַטונג וואָס "סוביעקטיוו" האָט איט פּסיכאָאַנאַליזע : ניט נאָר "פּערזענלעך", נאָר פון אָט דעם אָרט, ווו מען קען הערן עפּעס פון אַן אינטימסטן אמת,

ייִדיש און פּסיכאָאַנאַליזע זענען זייער נאָענט; ס׳איז צווישן זיי דאָ נישט נאָר אַ קולטורעלע ליעזאָן (פֿאַרבינדונג), נאָר אַ קלינישע.

זשאַק לאַקאַן האָט געשאַפן אַ באַגריף: "לאַלאַנג", וואָס באַשײַדט זיך פון "שפּראַך"! אַ באגריף, וואָס גיט איבער אַ דיפערענץ, אַן אונטערשיד, צווישן "שפּראַך" (ייִדיש, ענגליש, שפּאַניש, א. א. וו.) און לשון. דאָס איז ניט קיין לינגוויסטישע פֿאַרשיידנקייט, נאָר אַ סוביעקטיווע. ס׳איז אַ רייד וועגן אַ סוביעקטיוון לשון, ווי אַן אייגן מאַרגינאַל וואָרט. און ייִדיש איז טאַקע די איינציקע שפּראַך, וואָס שטייט ניט – און איז קיינמאָל ניט געשטאַנען – אין פלאַץ פון דער מאַכט. און דאָס דריקט אויס אַ דיפערענץ, וואָס גייט ניט אַרײַן אין דער פּאָלעמיק "שפּראַך קעגן דיאַלעקט", נאָר אין אַ קלינישער פּערספּעקטיוו. ווען מע ווענדט זיך צו פרוידס ייִדישקייט, פלעגט מען נעמען זײַן "דער מאַן משה און מאָנאָטעיִזם" און אַזעלכע שריפטן, נאָר איך מיין, אַז דאָס געפינט זיך אין זײַן "דער וויץ און זײַן שייכות צום אומבאַוווּסטע", און "דער הומאָר" א. א . וו., שריפטן, וואָס גיבן איבער אַ פונדאַמענטאַלן וועג, זיך צו באַפרײַען פון דער מאַכט. אַ "געבויטע" שפּראַך (לאָמיר אַזוי זאָגן), מיט וועלכער מע קאָן נאָר "כאַפּן". און הגם דאָס איז אמת פאַר יעדער שפּראַך – לינגוויסטישער שפּראַך – וואָס מע באַנוצט זיך אין דער פּסיכאָאַנאַליזע, איז עס פאַראַן, אינעם פאַל פון ייִדיש, אַ צוזאַמענשטעלונג צווישן אָט דעם "בויען" און דער מ אַ ר ג י נ אַ ל י ט ע ט.

עס איז אויך דאָ אַן אַנדער ליעזאָן צווישן ייִדיש און דער פּסיכאָאַנאַליזע, און דאָס איז אין שייכות צום "טראַומאַ", ספּעציעל אין דעם באַגריף פון "טראַומאַטישער נעוראָזע" און "טראַומאַטישע חלומות". פרויד גיט איבער אין זײַנע שריפטן חלומות פון זעלנער וואָס דערציילן, אַז סע חלומט זיך בײַ זיי פון אַ באָמבע, וואָס אָט, אָט... און עס רײַסט אויף. אַ נאָענטקייט מיטן טויט, וואָס בלײַבט שטענדיק אין האָריצאָנט. אויך ייִדיש האָט אַזאַ דערלעבונג : ניט נאָר אירע רעדנערס זענען אין מערשטן טייל דערמערדערט געוואָרן, נאָר שוין אין 18טן י"ה האָט מען געזאָגט, אַז ייִדיש איז פאַרמשפּעט; און אין 19טן י"ה. זענען געוואַקסן אַ שלום–עליכם, אַ יצחק–לייבוש פּרץ... און נאָך דעם זענען געוואַקסן נאָך אַ סוצקעווער און אַ גלאַטשטיין... אָט די נאָענטקייט צור הילפלאָזיקייט פון אַ וואָרט וואָס, בכל זאת, געפינט זיך אַ וועג זיך אויסצודריקן, איז זייער אַ וויכטיקער קלינישער ענין.

און הײַנט, אין אַרגענטינע לפחות, איז דער דאָזיקער וועג ניט אַזוי פיל אויף ייִדיש, נאָר אינעם רעדן **וועגן** ייִדיש אויף שפּאַניש. דאָס גיט צו אַ שטאַנדפונקט, וואָס נעמט אַרויס ייִדיש פונעם אַקאַדעמישן מאָנאָגראַפישן סטיל און שטעלט עס נאָכאַמאָל אַרײַן אין טאָגטעגלעכן לעבן.

נעמנדיק אין באַטראַכט אָט דער פּערספּעקטיוו, האָב איך אין יאָר 2006 אָרגאַניזירט "בוענאָס–אײַרעס ייִדיש", אַ קאָנגרעס, וואָס איז געווען געטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלער, נאָר איז ספּאָנטאַן געוואָרן אינטערנאַציאָנאַל, ווײַל עס זענען געקומען מענטשן פון פֿאַרשידענע לענדער זיך אײַנצוהערן צו די לעקציעס. עס האָבן אָנטיילגענומען שרײַבערס, סאָציאָלאָגן, זשורנאַליסטן, פילאָסאָפן, אַקטיאָרן, קלעזמאָרים... דאָס איז פאָרגעקומען אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פון אַרגענטינע, מיטן שוץ פון דער קומיסיע פאַרן היסטאָרישן און קולטורעלן אוצר פון בוענאָס–אײַרעס און דעם היסטאָרישן אינסטיטוט פון שטאָט.

**(המשך קומט)**